בעזרת השם יתברך

צווייטע פאזע

בייגעלייגט סורוועי אין די מיטלסטע זייטן

מעבדות לחירות

יו"ל ע"י

ועד החתונה תקנות

שע"י קהל יטב לב ד'סאטמאר

בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

ניסן תשע"ח

לע"נ הרה"ח **שמואל** ב"ר **חיים ארי' ווידער** ע"ה
מראשי העסקנים לטובת החתונה תקנות

הַתּוֹרָה חָסָה עַל מָמוֹנָם שֶׁל יִשְׂרָאֵל

תקנות הקהלה

ערשטע פאזע

אין קראפט די לעצטע 10 יאר

ווארט / תנאים

- דער "**שטר התנאים**" זאל געליינט ווערן אין שטובביים "**ווארט**" תיכף נאכן שידוך שליסן, אדער ביי די חתונה ביים "**קבלת פנים**" [די תקנה האט מען שוין אביסל געטוישט, אז ווער עס האט נישט קיין פלאץ אין שטוב, קען דאס מאכן אין איינע פון די צוגעשטעלטע ערטער].
- ביים "**ווארט**" זאל מען אויפגעבן בלויז "**לעקעך און ברוינפן**".
- אויסער די "**מסיבת ה'ווארט**" איז נישט ערלויבט צו מאכן קיין באזונדערע פארזאמלונג פאר א "**שמחת התנאים**", אפילו אויף בלויז לעקעך און ברוינפען.
- די חתנ'ס עלטערן זאלן נישט שיקען צום "**ווארט**" קיין שום "**קעיק**".
- "**בלומען**" שיקט מען נאר איינמאל, אויפן ערשטען שבת נאכן שידוך.
- עפ"י בקשת **כ"ק מרן רבינו שליט"א** זאלן די חברטע'ס פון די כלה קומען נאר "**פרייטיג צונאכטס**" נאכן שידוך שליסן.

מתנות לכלה

- בלויז "**4 צירונגען**": 1) זייגער, [ביים ווארט]. 2) ZC רינגל, [ביים ערשטן יו"ט נאכן שידוך]. 3) פערל קייטל. 4) אויער-רינגל.
- אין צוגאב, זאל מען געבן: מחזורים, צאינה וראינה, סידור, תחינה, שבת טיכל, שירצל. [ס'איז ראטזאם מען זאל צוטיילן די מחזורים פון צאינה וראינה-סידור וכדו'].

מתנות לחתן

- בלויז "**4 מתנות**": 1) זייגער (מוז נישט זיין עכט גאלד). 2) ש"ס. 3) בעכער. 4) מנורה.
- אין צוגאב, צו א טלית, טלית-ותפילין בייטל און קיטל.

'ווען' און 'ווי אזוי' צו שיקן די מתנות

- די אויבנדערמאנטע מתנות זאלן געשיקט ווערן בלויז אין די פאלגענדע באשטימטע זמנים:
- 1) ביים ווארט. 2) ראש השנה. 3) סוכות. 4) חנוכה. 5) פורים. 6) פסח. 7) שבועות. 8) און שבת פאר די חתונה. (איינגעטיילט לויט די צייט פונעם שידוך ביז צו די חתונה).
- אויסער די אויבן-דערמאנטע מתנות און זמנים זאל מען נישט שיקן קיין שום מתנה, ביי קיין שום אנדערע געלעגנהייטן.
- און אוודאי זאל מען נישט שיקען מתנות פאר "**מחותנים**" און פאר "**געשוויסטער פון חתן כלה**".
- אלע "**מתנות**" זענען נישט ערלויבט באצאלטע רעפינג'ס און פאומ'ס.
- די "**שבת לייכטער**" אויב מ'האט עס נישט באקומען אלס דרשה געשאנק פון משפחה מיטגלידער, זאלן דאס קויפןביידע עלטערן בשותפות.

שטריימל-שפיצל/שייטל

- "**שטריימל**" זאל געקויפט ווערן דורכ'ן "**צד החתן**".
- בלויז "**איין שטריימל**".
- אין ראם פון די שטריימל רעוואלוציע, וואס קאסט היינט בלויז $1,400.
- "**שפיצלעך-שייטלעך**" זאל געקויפט ווערן נאר דורכ'ן "**צד הכלה**".

פרויען קידושים

- נישט ערלויבט סיי ביים "**שבת באווארפן**", און סיי ביים "**שול פירן**".

שבת באווארפן

- עסן אלע סעודות נאר "**אינדערהיים**".
- לאדענען צו די סעודות בלויז די זיידעס פון חתן און די אייגענע קינדער, און דער מחותן אויב ער איז פון אויסער די שטאט.
- אויך איז ערלויבט די געשוויסטער פון די עלטערן מצד החתן פון אויסער די שטאט. (אנדערע בני משפחה זאלן בלויז צוקומען צום בענטשען).

זמנים ביי די חתונה

- **ענדיגן טאנצן:** בשעה 11:00
- **ענדיגן מצוה טאנץ:** בשעה 1:30
- ביים "**מצוה טאנץ**" איז ראטזאם אויסצורופן בלויז זיידעס, איין גרויסע כל הנערים פאר יעדע צד באזינדער. דערנאך אויסרופן עלטערן פון חתן-כלה און חתן כלה.
- ביי כל הנערים זאל מען טאנצן בלויז לפני הכלה און נישט יעדער נאכאמאל באזונדער מיט'ן חתן.

דער חוב

וואס ליגט אויף יעדן צו פאלגן די 'חתונה תקנות'

געזאגט געווארן 'בשנת תקע"א' און איז אצינד אקטועל

מתוך ספר פלא יועץ דף מ"ד וז"ל:

...מען דארף מתקן זיין תקנות צו פארמינערן די פלאג פונעם ציבור, ווייל עס איז זייער גרויס דער כבוד פון ציבור, און דער פלאג פון ציבור איז זייער א הארבע זאך, אז דאס טוט אפשטופן אפילו א איסור דרבנן, ווי עס ווערט ערקלערט אין ש"ס ופוסקים. דאס אלעס און זיינס גלייכן איז דער פליכט וואס ליגט אויף די מנהיגי הציבור צו אפירזוכן די שלעכטע מנהגים, און עס צוביסלעך אויסרייסן, אלעס זאל זיין מיט א מתינות כדי דער עולם זאל עס מקבל זיין, עס איז זייער גרויס דער זכות פון דער וואס טוט אין די זאכן, און דער זכות פון רבים איז אין איהם געוואנדן.

...זאל נישט יעדער מענטש זיך מאכן א 'במה לעצמו [אן אייגענער אויפפירונג]' און מיט א שטאלץ זאגן, איך וועל יא פארמערן. ווייל ווער עס איז א גוטער מענטש איז קלאר, אז ער וועט נישט עובר זיין אויף די תקנות פון קהל. און אפילו ווער עס דאכט זיך איהם, אז קהל האט נישט ריכטיג געהאנדלט, איז אבער מחוייב צו האלטן זייערע רייד, און דאס מחזק צו זיין, און צוברעכן די וואס זענען פורץ גדר. און דער וואס טוט דאס צוברעכן האבן די חז"ל געזאגט אויף איהם 'פורץ גדר ישכנו נחש' [דער וואס ברעכט א צוים וואס מען האט מתקן געווען וועט געביסן ווערן פון א שלאנג].

שבת שבע ברכות

- לכתחלה אין שטוב פון אבי הכלה. - און אויב נישט מעגליך, בלויז אין א קליינע זאל.
- רופן צו די סעודות בלויז זיידעס, עלטערן פון חתן וכלה, כלה'ס געשוויסטער, און געשוויסטער פון די חתן פון אויסער די שטאט. (ביי קלענערע משפחות אויך געשוויסטער פון חתן פון אין די שטאט).
- אויך איז ערלויבט די געשוויסטער פון די עלטערן מצד הכלה פון אויסער די שטאט, (אנדערע בני משפחה זאלן בלויז צוקומען צום בענטשען).
- "**שלש סעודות**" פאר די 'מענער' בלויז אין ביהמ"ד. און פאר 'פרויען' צוגרייטן בלויז אין שטוב, און נאר פאר די כלה, מאמעס און באבעס פון חתן כלה.
- זומער שבתים ביי שלש סעודות, זאל מען נישט רופן נאר די אויבנדערמאנטע. און אויך איז ערלויבט צו רופן פרויען-געסט פון אויסער די שטאט.

שבע ברכות פון חתנ'ס עלטערן

- לכתחלה נאר אין שטוב, און אויב נישט מעגליך אין שטוב, בלויז אין א קליינע זאל.
- לאדענען בלויז די זיידעס, עלטערן פון חתן וכלה און די אייגענע קינדער, און ביי קלענערע משפחות אויך געשוויסטער פון די כלה.
- אויסדריקליך נישט באשטעלן קיין מוזיק, בדחן, זינגער, בילדער, מתנות, פארטי פלענערס וכדו'.

אנדערע שבע ברכות

- בלויז א "**רייכע נאכטמאל**" אינדערהיים ביי איינעם פון דער משפחה, און דאס פראווענען ווי ווייט מעגליך ביי נאכטמאל צייט.
- לאדענען צו די סעודה בלויז חתן כלה, זיידעס, עלטערן פון חתן כלה, און בעל אכסניא זעלבסט, און א פנים חדשות.
- נאך די סעודה זאל מען רופן צום בענטשן משלים זיין צום מנין.
- כיבוד פאר די אורחים צום בענטשן זאל זיין בלויז לעקעך און בראנפן.

צען יאר
"חתונה תקנות";
וואס ווייטער?!

שוין צום צווייטן מאל;
לאמיר אפלאזן דעם בעזעם שטעקן...

מיט יארן צוריק האט זיך געפונען עמיצער, וואס האט גאר אסאך געהערט דערציילן איבער די קאמיש-בארימטע און לעגענדארע שטעטעלע 'כעלעם', און בפרט איבער אירע קורצקעפיגע תושבים, האט זיך אין אים נאטורליך ארייגעכאפט א תשוקה, צו גיין כאפן א בליק פון דער נאנט אויף די "תהלוכות כעלעם", און אביסל 'נאשן' פון זייער חכמה...

נאכדעם וואס ער האט באזוכט אין די שטאט כעלעם אויף עטליכע טעג, איז ער אהיימגעגאנגען פון דארט מיט פולע באגאזשן מיט סחורה... ער האט גאר אסאך 'קונה' געוועזן דארט, און ער האט געהאט וואס צו דערציילן פאר זיינע גוטע פריינד אויף לאנגע וואכן און חדשים...

איינע פון די גאר קאמישע און וואונדערליכע איבערלעבענישן וואס ער האט דארט בייגעוואוינט, און ער האט זיך עס פארצייכנט לזכרון, איז געוועזן זיין באזוך אין די תפיסה.

וועלנדיג זען וויאזוי עס קוקט אויס די תפיסה אויפן כעלעמער שטייגער, האט ער נאכגעפאלגט די אנגעגעבענע דירעקציעס, ביז ער איז טאקע אנגעקומען אויפן ריכטיגן ארט. די געשרייען און הילפסרופן פון די ארעסטאנטן, האבן עדות געזאגט אז ער האט נישט געגרייזט, יא, ער איז ווירקליך אנגעקומען צו די תפיסה-געביידע.

אריינגייענדיג אינעם בנין, האט ער באמערקט זייער א אויפפאלנדע סצענע. עס שטייט דארט א ארעסטאנט, בלייך ווי די וואנט, און מאגער ווי א שטעקן. זיינע צוויי הענט זענען אריינגעשטעקט אין צוויי גרויסע לעכער, וועלכע זענען אריינגעבויערט אדורך און אדורך די ווענט פונעם בנין, און אזוי שטייט ער נעבעך דארט און וויינט אויף זיין ביטער גורל.

שטייענדיג אזוי און באטראכטנדיג מיט רחמנות געפיל דעם נעבעכדיגן ארעסטאנט - וועלכע קען זיך ניטאמאל אראפזעצן אויף א בענקל, נאר ער איז געצווינגען צו שטיין אזוי די גאנצע צייט, ווען זיינע הענט זענען צוגעבינדן אויף די אנדערע זייט וואנט - קומען פלוצלינג אן צוויי פאליציאנטן מיט א פרישן ארעסטאנט, און אויך אים האבן זיי צוגעטיילט דעם זעלבן גורל ווי דעם ערשטן.

מען פירט אים צו צו די וואנט, און מען באפעלט אים ארײנצולייגן ביידע הענט אין די פון-פריער-צוגעגרייטע לעכער, דאן האט איין פאליציאנט אים געהיטן אז ער זאל נישט אנטלויפן, און דער אנדערער איז געגאנגען צו די אנדערע זייט וואנט, ווארשיינליך אים צוזאמצובינדן די הענט מיט קייטן.

דער גאסט איז זייער נייגעריג געווארן צו זען, וויאזוי דער פאליציאנט פארבינדט די הענט פונעם ארעסטאנט - וועלכע וועט שוין אזוי פארבלייבן א 'שטייענדיגער ארעסטאנט' פאר ווער ווייסט ווי לאנג - איז דער גאסט מיטגעגאנגען מיט פאליציאנט צו די אנדערע זייט וואנט, און ווי ערשטוינט איז ער געוועזן, ווען אנשטאט וואס דער פאליציאנט זאל אים צובינדן די הענט מיט אייזערנע קייטן, האט ער גאר אויפגעהויבן א לאנגען "בעזעם שטעקן" און ער האט אריינגעשריגן אינעם לאך צו ארעסטאנט "זאפארט, כאפ אן דעם שטעקן מיט ביידע הענט!".

נו, מען איז דאך אין תפיסה... האט דער ארעסטאנט קיין אנדערע ברירה נישט געהאט, נאר ער האט ווי א פאלגזאם קינד אנגעכאפט דעם שטעקן מיט ביידע הענט, און דאן האבן די פאליציי פארלאזט דעם ארט, וואוסענדיג אז ער איז שוין פעסט פארבינדן... ער וועט שוין פון דא נישט קענען אנטלויפן...

דער גאסט איז געשטאנען און געשטוינט...

ער איז צוריק ארייגעלאפן אינעווייניג אינעם בנין, און ער איז צוגעגאנגען צו ערשטן ארעסטאנט פרעגנדיג "ווי לאנג ביזטו שוין דא ארעסטירט?".

"זעקס יאר!!!..." איז געוועזן זיין פארוויטאגטער ענטפער, ווען הכרת פניו ענתה בו אז ער זאגט נישט קיין שום גוזמאות, ער איז שוין געוועזן אזוי אויסגעמאגערט און אויסגעדארט, אז ער איז באגלייבט געווען אויף דאס וואס ער זאגט.

"איך שטיי שוין אזוי לאנגע יארן" פארציילט דער ארעסטאנט, ווען צוויי שנירלעך טרערן גליטשן זיך אראפ אויף זיינע באקן "איך קען זיך נישט אראפזעצן, ניטאמאל אין מויל נעמען קען איך עפעס. בלויז צוויי מאל א טאג קומען די תפיסה-איינגעשטעלטע, און זיי דערלאנגען מיר אריין אין מויל א הארט שטיקל ברויט מיט א ביסל שמוציג וואסער, און מיט דעם דארף איך זיך באגעניגן אויף א גאנצן טאג, גלייב מיר עס איז שוין אומדערטרעגליך! איך האלט עס שוין נישט אויס!" האט דער ארעסטאנט צוגעענדיגט, און דאן האט ער אויסגעפלאצט אין א יאמערליכן געוויין...

"הער זיך איין" האט דער גאסט אים אריינגערוימט אין אויער שטילערהייט "דו ביזט באפרייט... יא! דו ביזט באפרייט!"...

דער ארעסטאנט האט געקוקט אויף דעם גאסט מיט פארדרוס און פאראיבל "וואס מאכסטו חוזק פון מיר? וואס באפרייט? ווען באפרייט? איך שטיי שוין אזוי דא פארשפארט פאר יארן, און פלוצלינג פארקויפסטו מיר מעשיות אז איך בין באפרייט?"...

אבער דער גאסט וואס האט אזוי רחמנות באקומען אויף דעם נארישן כעלמער, האט פרובירט אים איבערצוצייגן אז ער איז ווירקליך באפרייט "נעם נאר ארויס דיינע הענט פון די לעכער אין די וואנט, און דו ביזט א באפרייטער מענטש אויפן ארט!..."

דער כעלעמער האט זיך אים צוריקגעשליידערט אין פנים אריין "דו נארישער מענטש, וויאזוי קען איך ארויסנעמען די הענט פון די וואנט, ווען אויף די אנדערע זייט וואנט האלט איך אן פעסט א 'בעזעם שטעקן' וואס לאזט מיר בשום אופן נישט ארויסשלעפן די הענט פון וואנט?..." האט דער כעלעמער ארעסטאנט גע'טענה'ט א הייזעריגער.

"קוק נאר" האט ער געצייגט פארן גאסט פרובירנדיג צו שלעפן זיין האנט אויף ארויס "איך פרוביר, און ס'גייט נישט, דער 'בעזעם שטעקן' לאזט נישט בשום אופן..."

"דו בטלן איינער!" האט דער גאסט זיך צעשריגן און צעלאכט הויך אויפן קול "לאז אפ דעם בעזעם שטעקן פון דיין האנט, און דאן ביזטו א באפרייטער! לאז אפ דעם שטעקן, אבער שוין!..."

*

עס לאזט זיך שווער גלייבן אז עס איז שוין פאריבער צען גאנצע יאר, זינט עס איז אויסגערופן געווארן דער דורכברוך פון די וועלט בארימטע 'חתונה תקנות', וואס זענען געווען געצילט צו פארלייכטערן די שווערע לאסט פון הוצאות פאר מחותנים, וועלכע האלטן פארן חתונה מאכן א קינד בשעה טובה ומוצלחת, אבער עס איז ביי מער ווי אכציג פראצענט מחותנים מיטגעקומען מיט א וואלקן פון טרויער און א נעפל פון זארג און אנגסט, נישט וויסנדיג וויאזוי מ'וועט דעקן די שווערע הוצאות, וואס א שמחה שלעפט מיט זיך מיט.

שוין א צירקע פון לאנגע יארן וואס דאס יהדות החרדית פלעגט אנכאפן דעם 'בעזעם שטעקן' מיט אלע כוחות... מען האט געשפענדעט אויסטערלישע סומעס געלט פאר אומנויטיגע הוצאות ביים חתונה מאכן, און בנשימה אחת האט מען געקלאגט און געוויינט מיט זודיגע טרערן, אז עס איז אוממעגליך ווייטער אזוי אנצוגיין... מען האט געקלאגט און באוויינט א תפיסה פון וואס מען האט זיך נישט "געקענט" באפרייען בשום אופן... אנשטאט ארויסצושלעפן די הענט פון די תפיסה-לעכער און ארויסגיין לחפשי, האט מען זיך באפרידיגט בלויז מיטן וויינען אויפן ביטערן גורל...

אבער מיט דעם אלעם איז דער רעדער דא נישט בלויז איבער לוקסוס, נאר אפילו מיט די פשוט'ע געברויכן האט מען זיך ממש נישט געקענט קיין עצה געבן, דערפאר האט מען געזוכט ווי מער מען קען שניידן אפילו פון די אזויגערופענע אנגענומענע סטאנדארטן, און דערמיט ממש ראטעווען הונדערטער מחותנים, וואס האבן זיך געשפירט ווי ארומגענומען מיט א שטריק איבערן האלז, מיט אסטראנאמישע סומעס וואס האבן נישט קיין דעקונג.

אזוי שטארק ווי מ'איז געווען סקעפטיש אין די ערשטע צייטן ווען דער פלאן איז פראקלאמירט געווארן, אזוי שטארק איז געווען דער איבעראשונג און אנערקענונג, ווען זאכן האבן זיך אנגעהויבן צו רוקן און מען האט אנגעהויבן צו זען הצלחה. עס איז בכלל נישט אנגעקומען לייכט, שווערע כוחות האט מען אינוועסטירט צו קענען אויפמערקן דעם ציבור, ווי לייכטזיניג איז דאס גאנצער געשעפט פון אוועקווארפן שווער אויסגעהארעוועטער געלטער, אפגערעדט פון די וואס האבן ניטאמאל געהאט אוועקגעלייגטע פינאנצן, און האבן געמוזט חתונה מאכן מיט געבארגטע הלוואות, פון גמ"ח'ן, קרובים און גוטע פריינט, מען האט זיך אזוי פאר'חובות'ט, אז מענטשן האבן זיך טאקע אנגעהויבן צו כאפן אין קאפ, איז מיר ווערד די שווערע הלוואות און קאפ ווייטאג, בלויז וויל "מה יאמרו הבריות?".

"נעם נאר ארויס דיינע הענט פון די לעכער אין די וואנט, און דו ביזט א באפרייטער מענטש אויפן ארט!..."

און ב"ה, אשרינו מה טוב חלקינו! אז מיר האבן די זכי' צו זיין א טייל פון די עדה קדושה, וואס הערט זיך כסדר צו צום קריאת הקודש פון מאור עינינו כבוד קדושת מרן רבינו עט"ר שליט"א, מה טוב חלקינו, אז מיר זענען נתחנך געווארן צו זיין א פאלגזאמער און הארכזאמער ציבור, ומה נעים גורלינו, ווי זיס און לעכטיג איז אונז אז נאר דורכדעם האבן מיר זוכה געווען צו זיין די פאן-טרעגער פון אט די שטורעמישע רעוואלוציע.

נאך שווערע הארעוואניע וואס איז באשטאנען פון אויפקלערן דעם ציבור איבער דעם שוידערליכן און נארישן געלט אויסברענגערייי ביים חתונה מאכן, אויף יעדן סארט פארעם וואס נאר מעגליך, עס האט זיך ב"ה די תקנות אנגעהויבן אריינצופירן מער און מער ביים ציבור ברוך השם.

מיר אלע זענען עדות אין די לעצטע 10 יאר, צום אויסטערלישן התעוררות און התלהבות'דיגער צוזאמארבעט וואס איז געשאפן געווארן אין דעם געביט ביי אלע קהילות קדושות בישראל, נאכדעם וואס קהל עדתינו האט זיך צוגעהערט צום רוף פון כ"ק מרן רבינו שליט"א "אפצולאזן דעם 'בעזעם שטעקן' זאפארט!"... און זאגן "אין-ניין" צו די אייגענע תפיסה, זאגן "ניין" צו די דאגות, נישט זיין מער משועבד צו די חובות, זאגן "ניין" צו דעם קרענק וואס הייסט 'יעדער טוט אזוי', זאגן "ניין" צום שוואכקייט פון 'וואס וועט יענער זאגן, זאגן "ניין" צו די פרישע סטאנדארטן וואס זענען קיינמאל פריער נישט געווען, און האט אנגעהויבן ארויסצושפראצן גאר ווילד, זאגן "ניין" די צו שווערע טויזנטער דאלארן חובות, און קלארשטעלן אז עס איז געקומען או ענדע צו די שקלאפעריי ארבעט און עגמת נפש.

היינט איז עס שוין אזא דבר פשוט, אז א חתונה נאכט קאסט שוין נישט אזוי פיל ווי אמאל, און אצינד ווען עס קומט צו א יאר ביי אנשי שלומינו ארום פינף הונדערט פרישע מחותנים א יאר, אשר לא ידע וואס עס האט געמיינט א חתונה איידער די גאר וויכטיגע תקנות, אין צוגאב צו די הונדערטער מחותנים וואס מאכן שוין חתונה די לעצטע צען יאר, און זיי וויסן שוין אפילו נישט וואספארא שווערע קאפ ווייטאג, וויפיל שלאפלאזע נעכט און טעג פון ארומלויפן פון איין גמ"ח צום צווייטן און פון איין ערב צום צווייטן, זיי האבן זיך פארשפארט א דאנק דער גרויסארטיגער רעוואלאציע.

שטייענדיג בשנת העשור פון ווען די "חתונה תקנות" זענען געווארן אינפארסירט, האט כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א פראקלאמירט פאר אן איבערפרישונג מיט די תקנות, זיך צו מחזק זיין און זיך שטארקן צו גיין הונדערט פראצענט מיט די תקנות הקהלה, ביים צענטראלן דרשה פארלאפענעם מוצאי שבת קודש וישב, במעמד רבבות אלפי ישראל, ביים דינער לטובת מוסדות תורה ויראה דסאטמאר וויליאמסבורג, וואו עס האבן געפייערט טויזנטער סאטמארער חסידים דעם יום ההצלה והשחרור כ"א כסלו.

ווי נאר דער רבי שליט"א האט ארויסגעזאגט דעת קדשו, האבן זיך די עסקנים ווידעראמאל אריינגעווארפן אין דער ארבעט, צו שאפן א ווינט אז דער "חתונה תקנות" זאל ווערן בעסער אינפארסירט, און דער אמת איז אז ווען מען מאכט א חשבון אויף פענע און פאפיר, זעט מען באלד ווי די ציפערן שטימען נישט, אפילו אזא איינער וואס גייט הונדערט פראצענט מיט די תקנות ביז צום קלענסטן דעטאל, קאסט אים אפ צו חתונה מאכן צווישן 40 און 50 אלפים, און דאס געלט איז ממש נישטא נעמענדיג אין באטראכט, אז דער שטוב פארט ווייטער מיט אירע פילע הוצאות, און מען האט נישט דאס געלט דערפאר.

אפגערעדט פון די וואס מאכן אביסל אוועקגערוקט פון די תקנות, נאר אביסל מער צום גאס-סטאנדארט, פאר אזא איינעם קאסט אפ צו חתונה מאכן דער סומע פון צווישן 70 און 80 טויזענט דאלער, און פאר דעם דארף מען זיך שוין צאמבארגן גרויסע סכומים. (און מיר רעדן שוין נישט פון די מער נגיד'ישע חתונות וואס קאסט אפ פון 150 טויזענט דאלער און ארויף).

דער ווינט איז געווארן א שטורעם ווינט, וואס האט מיטגעשלעפט די הונדערטער מחותנים מיט זיך, און האבן אנגעהויבן רופן צו פרישע רעפארמען. עס איז שוין טאקע דא געווען גוטע תקנות, אבער דער ציבור רופט פאר נאך, מען אפעלירט אז אפילו מיט די יעצטיגע סטאנדארטן איז ממש נישט מעגליך דאס נאכצוקומען!

טאקע דערפאר, האבן מיר ארוסגעשיקט דא דעם "סורוועי", וואו איר וועט קענען שרייבן אייער מיינונג און אבזערוואציע, הן לגבי די ביז יעצטיגע תקנות, וויאזוי דאס צו פארבעסערן, און אזוי אויך פאר פרישע פארשלאגן און קאמענטארן.

ביטע נעמט דאס נישט פאר לייכט! נעמט אראפ פון אייער טייערע צייט, און למען הכלל גייט איבער בכבוד ראש דעם סורוועי, שיקט אריין אייער מיינונג, ויה"ר אז חפץ השם בידינו יצליח, און מיר זאלן קענען ווייטער שפארן פאר זיך און פאר גאנץ כלל ישראל ווייטער, שווערע מיליאנען דאלארן.

זמן חירותינו שנת תשע"ח לפ"ק

בכבוד רב: וועד החתונה תקנות

אריינפיר

צום סורוועי "חתונה תקנות" צווייטע פאזע

ניט גרויס התרגשות גרייטן מיר זיך בעזר השם צו פרעזענטירן דעם "צווייטע פאזע" פון די "חתונה תקנות".

אבער פונקט ווי פאר די "ערשטן פאזע", פאדערט זיך שטארק אצינד אויך ביי די "צווייטע פאזע", אז מיר זאלן האבן די נויטיגע ידיעות פונעם ברייטן ציבור, און צו וויסן ביי יעדע הוצאה צו דאס איז א וויכטיגע הוצאה. דעריבער שטעלן מיר דא פאר אייך דעם "פראגע-בויגן" ווי מיר האפן געוואויר צו ווערן געווי, וואס איז וויכטיג ארויפצולייגן, און וואס נישט.

געדענקט! איצט איז די צייט צו "דעבאטירן", איצט אין די רואיגע יו"ט טעג ווען איר האט צייט צו טראכטן רואיג מיט ישוב הדעת, ווען איר זיצט צוזאמען מיט אייער משפחה און קינדער, איז די פאסיגע צייט צו דעבאטירן דעם אינהאלט פון די "חתונה תקנות", ווייל ווען די תקנות וועלן שוין זיין באשטעטיגט דורך אקרו"ט דקהלתינו הק' ובראשם כ"ק מרן רבינו שליט"א, וועט דאס שוין זיין א פאקט, און אויב מ'וועט דאס קריטיקירן קען דאס שוין אריינגיין ח"ו אין כלל, פון פורש מן הציבור.

אלע באמערקונגען וועלן ערנסט גענומען ווערן און באטראכט. דעריבער איצט, איידער איר שיקט צוריק דעם "סורוועי", איז די פאסיגע צייט צו געבן עצות און פארשלאגן און באמערקונגען און אפילו קריטיקירן, און יעדע באמערקונג פון אייך, וועט פארזיכטיג געליינט ווערן, און געלייגט ווערן אויפן וואגשאל.

ומכאן הקריאה יוצאת! מיר בעטן בכל לשון של בקשה, מען זאל תיכף אויספילן דעם "סורוועי", (אפילו ווער עס האט נאכנישט חתונה געמאכט), און צוריקשיקן, **51 Forest Rd. #316-343, Monroe, N.Y. 10950** אדער אריינפעקסן צו **718-795-4385** ביז ערב ר"ח אייר הבעל"ט. ביטע פארנאכלעסיגט נישט די איינמאליגע געלעגנהייט פון לאזן הערן אייער מיינונג איבער די לעבנסוויכטיגע "חתונה תקנות".

דעריבער פאר איר פילט אויס דעם פראגע בויגן, לאמיר אויסשמועסן עטליכע נקודות בנוגע די פארשלאגן וואס איר זאלט נעמען אין באטראכט, בעיקר וואס איז נוגע "פורניטשער" - "חתונה קליידונג" - "חתונה בריוולעך" –"אבי החתן שבע ברכות":

פורניטשור

עס איז א פאקט, אז די הוצאה פון די פורניטשור איז פראצענטועל דער גרעסטער לאך וואס עס קאסט היינטיגע צייטן חתונה הוצאות, ווייל לויטן היינטיגן סטאנדארט אז חתן כלה 'מוז' באקומען א גאנצע שאוי-קעיס פון טייערע פורניטשור, געמאכט פון גאר טייערע האלצערנע קונץ שטיק (חוץ וואס דער מאטעריאל איז גאר הייקעלע מאטעריאל וואס פון יעדע קליינע טומל באקומט עס א 'דענט' אדער א 'קראץ'), איז די ביליגסטע פורניטשער $5,000 פער צד. און אויב מ'וויל זיך נאר אביסל אהערשטעלן קאסט דאס שוין $7,500 - $12,000 פער צד, וואס דאס איז שווערע טויזענטער אפגעהארוועטע אידיש געלט.

ביי א היפשער פראצענט פרישע פארפעלקער די טייערע פורניטשור "געסטארעדזשד" אין באצאלטע סטארעדזש-לאקאלן. די סטארעדזש-הוצאות פאלט צולאסט אויפן פרישן פארפאלק, וועלכע צאלן 'רענט' סיי פאר זייער דירה, און סיי פאר זייער פורניטשור – און זיי האבן נאך ניטאמאל קיין הנאה דערפון... אזוי אויך איז דא א באדייטנדער פראצענט פארפעלקער וואס באשליסן – צוליב פארשידענע סיבות – צו קויפן אנדערע פורניטשור-סעטס נאך א קורצע צייט, בו בזמן וואס זייערע עלטערן האלטן נאך אינמיטן באצאלן די גמ"ח-פעימענטס פאר די ערשטע פורניטשור וואס מ'נוצט שוין נישט... זיי קויפן טישן און בענקלעך וואס ווערט גענוצט שפעטער אויך, אזוי אויך רוב אינגעלייט קויפן זיך א ביליגע ספרים-שאפע ביי 'האום דיפאו', וואו זיי האלטן זייערע ספרים, אזוי אז מען דארף שוין נישט צוקומען צום טשיינע קלאזעט אפילו פאר די ספרים.

פארוואס זאלן מיר האבן די גרויסע הוצאה? פארוואס מוזן מיר קויפן די ריזיגע טייערע קלעצער? פארוואס זאלן מיר צאלן פאר איטאליענע פורניטשור, אין די צייט וואס מ'קען האבן כינעזע סחורה פאר א צענטל פרייז? און למה נגרע פון די אנדערע שטעט און אנדערע קרייזן צב"ש די ליטווישע קרייזן און נאך – וואס דארט ווערן די מחותנים בכלל נישט פארפליכטעט אויסצוצאלן די "פורניטשור-קאסטן" בשעת'ן חתונה מאכן די קינדער?

דעריבער, וואלט געווען דער בעסטער פארשלאג, מ'זאל נאר קויפן וואס מ'מוז האבן שוין אויפן פלאץ!, דאס הייסט א ביליגערע בעד-רום סעט, (2 בעטן און א שיינע שפיגל דרעסער), און נישט קיין גאנצע מלכות'דיגע דייניג-רום סעט נאר א טיש און 4 בענקלעך, (וואס מען וועט אי"ה שפעטער ניצן לאנגע יארן, די דיינונג רום סעט פאר א ספרים שטוב, די בעדרום סעט פאר געסט אדער קינדער שטוב, א.א.וו.), און די איבריגע זאכן וואס מ'קען זיך באגיין אן דעם און די ערשטע 5-6 יאר, זאל מ'לאזן אויף שפעטער. און אוודאי נישט באלעסטיגן די אנגעשטרענגטע עלטערן בשעת'ן ברען פון די חתונה הוצאות, די קינדער וועלן שפעטער מיט די יארן זיך אליינס קויפן (אדער יא אדער נישט...) א מלכות'דיגן בעדרום און דיינוג רום סעט, פראקטיש לויטן די דעלמאס'דיגע דירה סייז און סטאנדארד און לויטן זייער געשמאק, (און אויב איר וועט דעמאלס 'קענען' וועט איר אוודאי ארויסהעלפן די קינדער מיט די הוצאות).

מיט דעם פארשלאג קען
מען זיך בעז"ה שפארן
פון $8,000 ביז $20,000

חתונה קליידער

איינע פון די גרעסטע הוצאות וואס איז דא אין די חתונה נאכט, איז די חתונה קליידער. צו דינגען א קלייד לכבוד א חתונה איז א קלארע "לוקסוס", אבער מען האט פאקטיש הנאה דערפון. - דאס איז אלעס אבער גוט געווען ווי לאנג ס'האט געקאסט בערך אזויפיל וויפיל מ'האט הנאה געהאט דערפון... אבער היינט צאלט מען שוין $800 פאר א קלייד אויף איין נאכט! דאס איז שוין פונקט ווי א נאכטמאל פאר $350, דאס הייסט שוין "איבערגעטריבענע לוקסוס".

אבער אין מציאות, ווען מ'קוקט זיך אום צווישן היימישן ציבור, שטעלט זיך ארויס אן אינטערעסאנטער בילד. די זעלבע מענטשן וואס זיי וואלטן קיינמאל נישט פארלאנגט קיין "איבערגעטריבענע לוקסוס" אין דורכשניטליכן לעבן, ווערן זיי ביים חתונה מאכן פלוצלינג ברייט, און גיבן אויס ריזיגע געלטער אויף "איבערגעטריבענע לוקסוס", אנגעהויבן פונעם תנאים, די חתונה נאכט, שבת שבע ברכות א.א.וו. מ'ספענדעט ריזיגע געלטער פאר זאכן וואס כמעט קיינער געניסט נישט דערפון, און אפילו ווען יא, איז די קאסטן פיל פיל מער ווי די הנאה!

דאס הייסט, אז די היינטיגע חתונה סטאנדארט פירט אריין א דורכשניטליכע משפחה, פון "נוצבארע לוקסוס" צו "איבערגעטריבענע לוקסוס" וואס מ'טוט נישט א גאנץ יאר, אין טאג טעגליכן לעבן. און נאך אן אינטערשיד צווישן די לוקסוס פון א גאנץ יאר און די לוקסוס ביים חתונה מאכן: די אלע לוקסוס וואס מיר זענען צוגעוואוינט אין דורכשניטליכן לעבן, צ.ב.ש. א טייערע קאר, טייערע קאך (אדער אפילו די וואס צאלן פאר טייערע פרישטאגס אין טעיק-אוט געשעפטן), דאס זענען אזעלכע סארט "לוקסוס" וואס 75 פראצענט מענטשן קענען זיך דאס ערלויבן; דאקעגן די "לוקסוס" פונעם ביז-יעצטיגן חתונה-סטאנדארט קענען זיך 75 פראצענט מחותנים נישט עפארדן (א דורכשניטליכע חתונה קאסט היינט כמעט א יאר ארבעט!)

און א דריטע דיפרענץ צווישן לוקסוס פון א גאנץ יאר און ביים חתונה מאכן: א טייערע קאך אדער א טייערע קאר, זעהט מען במציאות קויפט מען נאר געווענליך ווען מ'קען זיך דאס ערלויבן (מיר רעדן נישט פון די קליינע פראצענט וואס קויפן אומאחריות'דיג אפילו ווען זיי האבן נישט), דאקעגן ביים חתונה מאכן, טוען דאס רוב מחותנים, אפילו די אחריות'דיגע מענטשן, וואס קענען זיך עס קלאר נישט ערלויבן.

פארוואס? בלויז צוליב די איינע סיבה: ווייל דער היינטיגער סטאנדארט איז אזוי. איז די עצה דערצו צו טוישן דעם סטאנדארט, און אויטאמאטיש פאלן אוועק אט די אלע איבערגעטריבענע הוצאות, וואס מיר גיבן סתם אזוי נישט אויס קיין געלט דערפאר אין אונזער טאג-טעגליכן לעבן.

אונזער פלאן איז נישט מצמצם צו זיין דעם סטאנדארט פונעם לעבן, נאר אונזער ציל איז אז מ'זאל זיך קענען עפארדן צו באצאלן דעם סטאנדארט... לאמיר זיך נישט נארן, עס איז היינט דא ב"ה צו באקומען פון די שענסטע "חופה קליידער" ביי די גמ"ח'ן, און עס איז היינט דא ב"ה צו באקומען פון די שענסטע "משפחה קליידער" ביי די גמ"ח'ן. אבער אויך דאס קאסט אסאך געלט.

מען קען ווען איינפירן א געוויסער פרייז וואס ביז אזויפיל איז מען גרייט צו שפענדן, אזויווי מען האט דורכגעבראכן מיט די "חתן שטריימלעך", וואס די חתנים האבן מוותר געווען אויף א זאך וואס בלייבט ביי זיי אויף די קומענדיגע פאר יאר, אוודאי און אוודאי ווען עס קומט צו די חתונה קליידונג וואס מען טראגט בלויז געציילטע שעות. נאך א בעסערע פלאן איז איינצופירן מען זאל גיין מיט

שבת'דיגע קליידונג, העכסטנ'ס יו"ט'דיגע שענערע קליידער, אבער פארוואס זאל מען שפענדן אזויפיל איבעריגע געלטער?

אבער דער אמת איז אז אין די נושא פון די איבערגעטריבן-טייערע קליידונג אין ווייבער שוהל, האבן די מענער נישט וואס אריינצורעדן און מאכן די תקנות, נישט קענענדיג די סוגיא. הלוואי זאל זיך שאפן טאקע אין אלע געגנטער א קאמיטע פון נשים צדקניות, וואס זאלן זיך אריינלייגן אין די זאך און אנהייבן צו טון, לכאורה איז די בעסטע וועג מיט'ן צאמשטעלן א ליסטע פון פאטענציעלע מחותנת'סטעס, וואס זיי זאלן אנהייבן צו טוען למעשה, ווייל וויפיל מען שפארט ערגעץ אנדערש איז דא זייער א סאך אידן, וואס וויינען ביטערלעך אז דאס געלט וואס מען שפארט זיך איין ערגעץ אנדערש, ווערט דארטן פאר'תכל'עוועט, און יילדער דארפן זיי צוקוקן און זיי האבן נישט קיין ברירה מיט'ן ניגון, אז יעדער טוט אזוי און מען קען נישט זיין אנדערש.

מיט דעם פארשלאג קען מען זיך בעז"ה שפארן פון $1,500 ביז $8,000

חתונה בריוולעך

מיט די "חתונה בריוולעך" איז דא א פראבלעם, עס איז א קאפ ווייטאג פון צייט, און ס'איז געלט, אפילו מען שיקט נאר טויזנט אינוויטעישנס, איז עס א הוצאה פון לכה"פ טויזנט דאלאר. אז מען רעכנט דעם סטעמפ, מיט'ן דרוקן, מיט'ן ענוועלאפ, און די גאנצע מעשה, קומט מען אן בערך 75-80 סענט פער יעדע חתונה בריוול.

ס'איז דא וואס שיקן שוין לאנג נישט, מען קען דאך זען זיי הענגען אויף א צעטל, און זיי באנוצן זיך אדער מיט די צייטונג אדער מיט די טעגליכע בלעטלעך, ס'איז דא א פלאן וואס מען וויל עס איינפירן, און ס'קען זיין ס'וועט ווערן דורכגעפירט אז די קהילה זאל ארויסנעמען אין די צייטונגען אדער איין זייט אדער צוויי זייטן, יעדן ערב ראש חודש זאל מען איינמעלדן די חתונות וואס ווערן באשטימט.

דאס איז נישט אונזער אויפטו, מען קען דאס זען אין די געוויסע צייטונגען ווען א מוסד באשטימט א טאג פון א דאטום פון א דינער, שרייבן זיי עס אריין כדי מען זאל האלטן פריי דעם אווענט, אבער דער צייטונג האט אזא קאלום וואס לויפט יעדע וואך, און יעדע וואך קומט צו פיר פינף נייע דאטומען.

אזויווי מען דארף דאך וויסן פון וועם מען רעדט דא, וועט מען צושרייבן נאך א שורה, מען וועט אויסרעכענען די פיר זיידעס. די מעלות דערפון איז, קודם וועט עס אריינגיין אין קאפ אריין, יעדער איינער וועט וויסן ווען יעדער מאכט חתונה, און מען וועט וויסן צייטליך, און מען וועט זיך קענען שפארן דעם גאנצן קאפ ווייטאג פון שיקן חתונה בריוולעך צו מוזן אדרעסירן דעם האט מען יא געשיקט, דעם האט מען נישט געשיקט, צו אים איז יא אנגעקומען און צו יענעם נישט, און טרעפן דעם איבריגן טויזנטער.

מיט דעם פארשלאג קען מען זיך בעז"ה שפארן אסאך צייט און קאפ-ווייטאג, און אריבער $1,000

אבי החתן שבע ברכות

דער גרעסטער "שבע ברכות" וואס ווערט אהערגעשטעלט, איז דער שבע ברכות וואס דער אבי החתן שטעלט אהער. עס הערט זיך זייער אינטערעסאנט, אבער למעשה רעדט מען פון א שיינע פאר טויזענט דאלער, ווייל היינט גייט עס אז די מחותנים נעמען ארויס א מער שיינע זאל און עס קאסט אפ אסאך אסאך מער ווי א בר מצוה, און ביי געוויסע פעלער וואו דער מחותן האלט זיך איין ביי די חתונה, וועט דער שבע ברכות אפקאסטן מער ווי די חתונה נאכט זעלבסט!

באמת'ן אריין איז נישטא קיין שום חיוב מצד הלכה צו זאגן "שבע ברכות" פאר חתן-כלה, די הלכה זאגט נאר אז אויב ס'איז דא 10 אידן מיט א פנים חדשות דאן דארף מען זאגן שבע ברכות. (ווי עס שטייט קלאר געשריבן אין שו"ת חת"ס (אבעה"ז ח"א סי' כ"ב) וזלה"ק: "מימי לא שמענו ולא ראינו בפפד"מ שברכו מיום שני ואילך שום ברכה" – ועיין עוד שו"ת רב פעלים ח"ד אהע"ז סי' ו'), עלטערע אידן פון פריערדיגן דור גדענקען אויך, ווי אינדערהיים איז בכלל נישט געווען קיין מנהג צו פראווען יעדע נאכט שבע ברכות סעודות, נאר אין רבי'שע הויפן.

דערפאר, איז שוין געקומען די צייט זיך אראפצוזעצן טראכטן, איבער גענצליך אפשאפן די שבע ברכות פונעם אבי החתן. לאמיר מאכן אזא חשבון, דער מחותן מצד החתן האט דאך שוין געמאכט די שבת באווארפן אזויווי דער מחותן מצד הכלה מאכט די שבת שבע ברכות. היינט צוטאג'ס האט יעדע חתן כלה 4 זיידעס קע"ה, וואס מאכן א קליינער שבע ברכות מיט די קינדער. נו, פארוואס זאלן די געשוויסטער מצד החתן זיך דארפן צוזאמענקומען צו 4 באזונדערע שמחות? 1 – שבת באווארפן, 2 – די חתונה, 3 – שבע ברכות פונעם זיידן, און 4 – דעם מחותנ'ס שבע ברכות?!

דאס איז נישט קיין ווילד-פרעמדע פארשלאג, נאר א נייע אנטוויקלונג, אסאך מחותנים מצד החתן האבן שוין אנגעהויבן צו מאכן זייערע שבע ברכות'ן ביי זיך אינדערהיים, פאר א מנין מ'זאל קענען זאגן די שבע ברכות, און עס ווערט סערווירט א פיינע מאלצייט, העכסטנס נוצט מען די שבת'דיגע עסצייג...

מיט דער פארשלאג קען מען זיך בעז"ה שפארן צווישן $3,000 ביז $10,000.

אכטונג: די 'פארשלאגען' זענען נאך 'נישט' קיין תקנות. מיר ווילן הערן פון יעדן יחיד צו עס איז ביי איהם דורכפירבאר. אויך זענען מיר גרייט צו הערן פונעם ציבור פארשידענע פארשלאגן, עצות און הערות וואס קען בייהילפיג זיין מצמצם זיין די געוואלדיגע הוצאות, און וועל דערנאך פארזיכטיג אויסגעארבעט ווערן דורך הנהלות קהלותינו הק' און וועלן בעזהשי"ת באשטעטיגט ווערן דורך כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א.

נעמט ארויס דעם סורוועי בלעטל פונעם בראשור, און שיקט דאס צוריק (זעט אדרעס ביים ענדע פונעם סורוועי)

חתונה תקנות

ערשטע פאזע סורוועי

נאמען: ____________ בן: ____________ חתן: ____________

שטאט: ____________ טעלפאן נומער: ____________ סעלפאן נומער: ____________

פאלגענד זענען די אנגייענדע תקנות הקהילה, שרייבט אייערע באמערקונגען דערויף

תנאים:

דער שטר תנאים זאל געליינט ווערן אינדערהיים ביים "ווארט" אדער ביים "קבלת פנים" פון די חתונה, און געבן דערביי בלויז לעקעך און ברוינפן. נישט רופן חבר'טארינס פון די כלה צום ווארט / תנאים. [די תקנה האט מען שוין אביסל געטוישט, אז ווער עס האט נישט קיין פלאץ אין שטוב, קען דאס מאכן אין איינע פון די צוגעשטעלטע ערטער].

דערמיט שפארט מען זיך: מינימום צווישן $3,000 ביז $10,000 דורכשניטליך.

אייער באמערקונג: ____________

____

מתנות לכלה:

בלויז 4 צירונגען: 1] דיימאנד רינגל, נאר CZ שטיין, 2] גאלדענע זייגער, 3] פערל קייטל, 4] אויער-רינגל, און בלויז: מחזורים, צאנה וראינה, סידור, טיכל, שירצל.

דערמיט שפארט מען זיך: מינימום צווישן $4,000 און $10,000 דורכשניטליך.

אייער באמערקונג: ____________

____

מתנות לחתן:

בלויז: 1] גאלדענע זייגער, 2] ש"ס, 3] בעכער, 4] מנורה, און טלית, טלית ותפילין בייטל און קיטל.

דערמיט שפארט מען זיך: מינימום צווישן $2,000 און $6,000 דורכשניטליך.

אייער באמערקונג: ____________

____

שיקן מתנות:

בלויז פאר חתן-כלה, (ווי אויבנדערמאנט) און קיין שום מתנה נישט שיקען פאר מחותנים און געשוויסטער פון חתן כלה. (די לייכטער אויב נישט באקומען דרשה געשאנק, זאלן דאס קויפן ביידע עלטערן בשותפות).

דערמיט שפארט מען זיך: מינימום צווישן $1,000 ביז $3,000 דורכשניטליך.

אייער באמערקונג: ______________________________

____

זמנים פון מתנות:

די אויבנדערמאנטע מתנות פאר חתן וכלה זאלן אויסגעקליבן ווערן צו שיקען און איינע פון די פאלגענדע זמנים: דער ערשטער שבת נאכ'ן שידוך, ראש השנה, סוכות, חנוכה, פורים, פסח, שבועות, און שבת פאר די חתונה. (איינגעטיילט לויט די זמנים פון חתן-כלה שאפט).

דערמיט שפארט מען זיך: אסאך געלט, צייט אויסברענעריי, קאפ-ווי און עגמת נפש.

אייער באמערקונג: ______________________________

____

שטריימל:

זאל קויפן צד החתן, און בלויז איין ביליגע שטריימל (כהיום איז דאס $1,400).

דערמיט שפארט מען זיך: מינימום צווישן $4,000 ביז $6,000 דורכשניטליך.

אייער באמערקונג: ______________________________

____

שפיצלעך/שייטלעך:

זאל קויפן צד הכלה.

דערמיט שפארט מען זיך: אז וויבאלד די צד הכלה קויפט עס וועט מען ווי פארשטענדליך ווייניגער אויסגעבן.

אייער באמערקונג: ______________________________

____

שבת באווארפן:

עסן אלע סעודות נאר אינדערהיים, נאר זיידעס און די אייגענע קינדער, און דער מחותן פון אויסער די שטאט.

דערמיט שפארט מען זיך: מינימום צווישן $2,500 ביז $8,000 דורכשניטליך.

אייער באמערקונג: ______________________________

____

פרויען קידושים:

נישט ערלויבט סיי ביים "שבת באווארפן" און סיי ביים "שול פירן".

דערמיט שפארט מען זיך: מינימום צווישן $1,000 און $3,500 דורכשניטליך.

אייער באמערקונג: ______________________________

____

ברכת המזון:

ביים חתונה זאל זיין 11:00 פונקטליך. (כפי תקנת כ"ק מרן רבינו שליט"א)

אייער באמערקונג:______________________________

____

ענדיגן די חתונה:

בשעה 1:30 בדיוק. [ביי די "מצוה טאנץ" איז ראטזאם אז מען זאל אויסרופן בלויז זיידעס, איין גרויסע כל הנערים פאר אלע צדדים אינאיינעם, (ביי כל הנערים זאל מען טאנצען בלויז לפני הכלה און נישט יעדער באזונדער מיטן חתן), עלטערן פון חתן וכלה און חתן וכלה]

דערמיט שפארט מען זיך: אסאך געלט, צוליב וויינינגער קאפלס, און די הנחות פון די מוזיקאנטן, בדחנים, זאלן אייגענטומער, אא"וו וואס וועט עוועטועל נאכקומען און איינגעפירט ווערן ביי די צווייטע פאזע, און גלייכצייטיג צו העלפן צום חלק הגשמיות ורוחניות פונעם ציבור און שפארן פאר'ן ציבור הונדערטער שעות ביטול תורה וביטול מלאכה, ביטול זמן קרי"ש ותפילה, עגמת נפש, גזל שינה, איבוד ממון ישראל, וכו'.

אייער באמערקונג:______________________________

____

שבע ברכות פון חתן'ס עלטערן:

לכתחלה אין אינדערהיים (און אויב נישט מעגליך אינדערהיים בלויז אין א קליינע זאל). און רופן בלויז זיידעס, עלטערן פון חתן וכלה און די אייגענע קינדער. און ביי קלענערע משפחות אויך געשוויסטער פון די כלה. און אויס דריקליך נישט באשטעלן קיין מוזיק, בדחן, זינגער'ס, בילדער, מתנות, פארטי פלענערס וכדו'.

דערמיט שפארט מען זיך: מינימום צווישן $3,000 ביז $10,000 דורכשניטליך.

אייער באמערקונג:______________________________

____

שבת שבע ברכות:

לכתחלה אין אינדערהיים, (און אויב נישט מעגליך אינדערהיים בלויז אין א קליינע זאל), און רופן צו די סעודות בלויז זיידעס, עלטערן פון חתן וכלה, כלה'ס געשוויסטער, און געשוויסטער פון די חתן פון אויסער די שטאט, און ביי קלענערע משפחות איז ערלויבט אויך געשוויסטער פון חתן פון אין די שטאט. (די געשוויסטער פון די עלטערן מצד כלה זאלן עסן ביי אנדערע בני משפחה, און בלויז צוקומען צום בענטשן) און "שלש סעודות" פאר די מענער בלויז אין ביהמ"ד, און פאר עסן ביי אנדערע בני משפחה, און בלויז צוקומען צום בענטשן). און פרויען צוגרייטן בלויז אין שטוב, און נאר פאר די כלה, מאמעס און באבעס פון חתן כלה. און זומער שבתים נישט רופן נאר די אויבנדערמאנטע און פרויען געסט פון אויסער די שטאט.

דערמיט שפארט מען זיך: מינימום צווישן $2,500 און $8,000 דורכשניטליך.

אייער באמערקונג:______________________________

____

אנדערע שבע ברכות:

בלויז ביי איינעם אינדערהיים. און בלויז לאדענען צו די סעודה חתן כלה, עלטערן פון חתן כלה, און בעל אכסניא זעלבסט, און פנים חדשות. און רופן צום בענטשען משלים זיין צום מנין. כיבוד פאר די אורחים צום בענטשן זאל זיין בלויז לעקער און בראנפן.

דערמיט שפארט מען זיך: פאר א גרויסע טייל צווישן $1,500 און $3,000 דורכשניטליך, און פאר א גרויסע טייל עטליכע מאל א יאר $100 פער משפחה פאר בעבי סיטער'ס און טראנספאטאציע וכו' און הונדערטער שעות ביטול תורה, עגמת נפש, גזל שינה, איבוד ממון ישראל וכו'.

אייער באמערקונג:______________________________

____

חתונה תקנות

צווייטע פאזע סורוועי

פאלגענד וועלט אויס איינע פון די פארשלאגן

פורניטשער:

1. ☐ נאר געבן בעד-רום.
2. ☐ בעד-רום, טיש און בענקלעך אין דיינוג-רום.
3. ☐ גארנישט קויפן.
4. ☐ אלעס קויפן ביליגער.
5. ☐ מאכן א פרייז ביז וויפיל מען מעג צאלן.
6. ☐ אדער ____________________

חתונה קליידער:

1. ☐ מאכן פרייזן אויף די קליידער פון געשוויסטער פון חתן כלה.
2. ☐ גיין נאר מיט שבת'דיגע קליידער.
3. ☐ לאזן אזוי ווי ביז יעצט.
4. ☐ אדער ____________________

חתונה בריוולעך:

1. ☐ בכלל נישט ארויסשיקען, נאר אין צייטונגען אין ביהמ"ד.
2. ☐ ארויסשיקען נאר פאסט-קארטל.
3. ☐ לאזן אזוי ווי ביז יעצט.
4. ☐ אדער ____________________

אבי החתן שבע ברכות:

1. ☐ בכלל נישט מאכן קיין שבע ברכות.
2. ☐ מאכן אין שטוב פאר א מנין מצומצם.
3. ☐ לאזן אזוי ווי ביז יעצט.
4. ☐ אדער ____________________

נייע "שותפות פלאן" (זעט שפעטער דעטאלן):

1. ☐ איינפירן ווי פריער.
2. ☐ לאזן אזוי ווי ביז יעצט.
3. ☐ אדער ____________________

____

____

____

____

אייגענע פארשלאג:

שרייבט דא אייער אייגענע פארשלאג.

געדאנק: ____________________

____

____

דעטאלן: ____________________

____

____

____

____

____

דערמיט וועט מען אפשפארן די סכום פון בערך:

$____________________

שיקט אריין דעם סורוועי צו: 51 Forest Rd. #316-343, Monroe, N.Y. 10950 אדער דורך פעקס: 718-795-4385

חתונה תקנות נישט קיין חידוש!

ציטאטן פון די דורות הקודמים איבער "חתונה תקנות"

מקורות אין חז"ל

מיר טרעפן שוין פיל אין חז"ל וואס זיי האבן פאראַרבעט איינצושפארן אידיש געלט און הוצאות ווי:

- דאס אז חמשה עשר באב זענען אלע אידישע טעכטער, ארייגערעכנט פרינצעסנס, ארויס בלויז מיט געבארגטע קליידער, נישט צו פארשעמען די אומפארמעגליכע (תענית כו:)
- רבן גמליאל וועלכע האט באפוילן אים צו באערדיגן מיט די ביליגסטע תכריחים, כדי צו צושטערן די דעמאלטסדיגע מנהג פון אויסגעבן פילע געלטערביים באגראבן א מת (מועד קטן כז:).
- רבן שמעון בן גמליאל האט שטארק פאראַרבעט אראפצונידערן די פרייזן פון טויבן אין ביהמ"ק כדי צו פארגרינגערן די ארעמע קימפעטארינס (בכורות ח.) און דער אמורא שמואל צו אראפנידערן די פרייז פון הדסים (סוכה לד:).

אין וואס ליגט די ברכה

הגה"ק ר' יעקב עמדין זצ"ל שרייבט אין זיין סידור: "ווי נאריש זענען די מענטשן וואס פארציילן און שטעלן צו פאר זייערע געסט פון זייער גרויס רייכטום און לויבן זיך מיט זייער גרויס פארמעגן. זיי צוליב די חשש פון גניבה און סיי צוליב די חשש פון עין הרע, יעקב אבינו האט דאך געזאגט פאר זיינע קינדער "למה תתראו" פארוואס זאלט איר זיך באווייזן, די ברכה טרעפט נאר אין אויג-פארהאלטענע זאכן, אויך די (ערשטע) לוחות זענען צובראכן געווארן ווייל מען האט זיי געגעבן מיט א גרויס שטימע, דערפאר, די איינגעהאלטנקייט איז ביי יעדע זאך שיין און פאסיג, עכ"ל".

אמאליגע תקנות פון גאוני עולם

א ציטאט פון די תקנות פון וועד ארבע ארצות שנת תק"ז:

צום סעודת החתונה זאלן נישט גערופן ווערן נאר דריי מנינים און אין יעדע מנין זאל זיין צוויי ארעמעלייט, און דער וואס וועט עובר זיין אויף די תקנה וועט געשטראפט ווערן מיט א סומע געלט. צום בר-מצוה סעודה זאל מען לאדענען בלויז איין מנין, און צוגאב צום טאטן און בחור, משרת, חזן, און דרויסענדע געסט. זינגערס און גראמערס זאלן נישט קומען צום סעודה. ביי א שידוך שליסן זאל מען נישט רופן בלויז א מנין אויסער די גאר נאנטע קרובים. און דער חתן קען אויך ברענגען פינף בחורים.

זעט פון בעל נודה ביהודה

מיר טרעפן אין די תקנות פון דעם בעל נודה ביהודה מיט זיין בית דין, שנת תקכ"א, וועלכע שרייבן: "וויבאלד דאס איז א שרעקליכע זינד, די גרויסע אויסגאבן אויף חתונה סעודות, איז באשלאסן געווארן, נישט צו מאכן – אפילו א עושר – נאך א שבע ברכות אין שבת, נאר אינדערוואכן ווען די סעודה איז א פשוט'ע, און ביי יעדע סעודת החתונה, זאל מען רופן בלויז פיר מנינים אויסער די פסולי עדות (ד.מ. גאר נאנטע קרובים), און ביי א סעודת ברית נאר איין מנין. עכ"ל.

בואו ונחשוב

א יידער איר גייט איבער דעם **"חתונה תקנות סורוועי"** וואו יעדער מחותן קען שרייבן **אלע זיינע הצעות וויאזוי צו פארבעסערן און פארשטערקערן די תקנות,** און ארויסשטעלן געדאנקען וויאזוי צו שניידן נאך פרישע טויזענטער דאלארן פון די שווערע חתונה הוצאות.

ביטע קוקט איבער **די טרוקענע נומערן וויפיל עס קאסט צו חתונה מאכן היינט צוטאגס,** און ערשט דאן וועט איר פרעגן פון זיך אליינס: קען איך חתונה מאכן אפילו לויט די תקנות מיט מיין אייגן געלט? **האב איך גענוג צו קענען חתונה מאכן מיין קינד אן צו ווערן א בעל חוב?**

להרחיב את היריעה, טוען מיר ארויסלייגן די נומערן אין דריי באזונדערע קאטעגאריעס:

<u>ערשטע קאטעגאריע: **אויסגערעכנט:**</u>
מחותנים וואס האלטן אפן די אויגן די גאנצע צייט, שפאָרן כסדר וואו זיי קענען, און האלטן זיך צו אלע שמחה תקנות פון זייער קהילה.

<u>צווייטע קאטעגאריע: **נישט שפארעדיג:**</u>
מחותנים וואס זענען נישט גרייט צו האבן דער פרעשור במשך די גאנצע צייט כסדר צו שפארן, אבער דאך זענען זיי נישט גרייט צו שפענדן איבעריגע געלטער.

<u>דריטע קאטעגאריע: **אויסגעבעדיג:**</u>
מחותנים וואס שפענדן געלט אן א חשבון,לאזן זיך קאסטן אויף יעדע זאך ווי מער.

נאכן זען די קלארע טרוקענע פאקטן און ציפערן, וועט איר האבן עטוואס א ברייטערער ידיעה אין די הוצאות החתונה, און די דרינגענדער וויכטיגקייט פון איינצוימען פרישע זאכן וואס פעלט נישט אויס אזוי וויכטיג, וחפץ השם בידינו יצליח!

צד החתן

שידוך שליסן	אויסגערעכנט	אומגעשפאָרט	אויסגעבעדיג
שדכן	$1,500.00	$2,000.00	$5,000.00
ציגארעטלעך - פענס	$150.00	$300.00	$500.00
בלומען שבת כלה	$175.00	$250.00	$400.00
בלומען תנאים	$250.00	$450.00	$1,000.00
תנאים קעיק	$100.00	$150.00	$250.00
קליידונג - האר	$ -	$1,200.00	$2,500.00
סך הכל שידוך שליסן	$2,175.00	$4,350.00	$9,650.00

«

צד החתן

מתנות	אויסגערעכנט	אומגעשפּאָרט	אויסגעבעדיג
זייגער	$1,500.00	$2,300.00	$3,500.00
רינגל	$375.00	$850.00	$5,000.00
קייטל	$600.00	$1,200.00	$3,000.00
אויעררינגלעך	$1,400.00	$2,300.00	$3,500.00
מחזורים	$250.00	$250.00	$520.00
קרבן מנחה סידור	$45.00	$45.00	$100.00
צאינה וראינה-תחינה-תהלים-סליחות	$275.00	$275.00	$520.00
טיכל-שירצל	$150.00	$270.00	$270.00
בעט-געוואנט	$ -	$450.00	$750.00
קידושין רינגל	$100.00	$100.00	$100.00
Pin	$ -	$ -	$2,500.00
ברעיסלעט	$ -	$1,800.00	$3,500.00
Pocketbook	$ -	$175.00	$400.00
ל"ג בעומר - חמשה עשר בשבט – ועוד	$ -	$750.00	$1,500.00
משלוח מנות	$75.00	$300.00	$400.00
סך הכל מתנות	$4,770.00	$11,065.00	$25,560.00

פארשידנס	אויסגערעכנט	אומגעשפּאָרט	אויסגעבעדיג
מתנות פאר די געשוויסטער	$ -	$500.00	$2,000.00
שיעורים	$1,500.00	$1,500.00	$1,500.00
ר"ת תפילין	$1,800.00	$1,800.00	$1,800.00
בדיקת תפילין	$125.00	$125.00	$300.00
מעלדן: צייטונגען, בתי מדרשים	$250.00	$400.00	$600.00
לייכטער - טאץ	$500.00	$750.00	$1,200.00
חתונה בריווילעך	$400.00	$1,500.00	$2,500.00
קליינעקייטן	$1,000.00	$2,000.00	$2,200.00
סך הכל פארשידנס	$5,575.00	$8,575.00	$12,100.00

דירה	אויסגערעכנט	אומגעשפּאָרט	אויסגעבעדיג
appliances	$800.00	$1,200.00	$2,000.00
houseware	$600.00	$850.00	$1,500.00
linen	$750.00	$1,500.00	$2,000.00
Scraping	$400.00	$750.00	$1,000.00
Painting	$400.00	$750.00	$1,000.00
Rent (depends on how many months)	$1,500.00	$1,500.00	$1,500.00
פארשידנס (blinds)	$300.00	$500.00	$1,000.00
גראסערי	$200.00	$300.00	$400.00
סך הכל דירה	$4,950.00	$7,350.00	$10,400.00

פורניטשער	אויסגערעכנט	אומגעשפּאָרט	אויסגעבעדיג
בעדרום סעט	$2,000.00	$2,500.00	$4,000.00
דיינעט סעט	$350.00	$500.00	$700.00
דיינונג רום סעט	$3,500.00	$5,000.00	$8,000.00
ספרים שאנק	$ -	$650.00	$1,000.00
סך הכל פורניטשער	$5,850.00	$8,650.00	$13,700.00

צד החתן

שטאפיר

שטאפיר	אויסגערעכנט	אומגעשפּאָרט	אויסגעבעדיג
שטריימל	$1,400.00	$1,400.00	$7,500.00
וועש/dry goods	$750.00	$900.00	$1,500.00
טלית קטן	$125.00	$125.00	$200.00
שיך	$300.00	$500.00	$700.00
מלבושים	$1,000.00	$1,500.00	$2,500.00
היטן	$360.00	$450.00	$750.00
גלעזער	$100.00	$200.00	$400.00
ספרים	$ -	$250.00	$700.00
סך הכל שטאפיר	$4,035.00	$5,325.00	$14,250.00

חתונה נאכט

חתונה נאכט	אויסגערעכנט	אומגעשפּאָרט	אויסגעבעדיג
זאל - קעיטערער	$6,500.00	$4,000.00	$10,000.00
שפילער	$ -	$800.00	$3,000.00
זינגער	$ -	$800.00	$2,500.00
בדחן	$ -	$800.00	$2,500.00
בלומען	$ -	$1,500.00	$2,500.00
בילדער	$ -	$1,500.00	$2,000.00
השגחה	$ -	$100.00	$100.00
Tips, waiters	$ -	$200.00	$500.00
כיבוד טיש	$ -	$500.00	$1,000.00
קינדער טיש	$ -	$200.00	$250.00
וויין – בראנפן	$125.00	$300.00	$1,000.00
חתונה באס ברוקלין-אפסטעיט	$400.00	$800.00	$1,600.00
כיבוד ביי מצוה טאנץ	$150.00	$250.00	$500.00
חתונה באס אין די זעלבע שטאט	$100.00	$100.00	$100.00
באס פאר די בחורים	$50.00	$50.00	$50.00
קבלת פנים בדחן	$100.00	$100.00	$200.00
משפחה קליידונג	$1,000.00	$4,500.00	$10,000.00
משפחה האר	$75.00	$200.00	$500.00
בעיביסיטינג	$150.00	$350.00	$750.00
כתובה	$50.00	$50.00	$100.00
סך הכל חתונה נאכט	$8,700.00	$17,100.00	$39,150.00

ימי המשתה

ימי המשתה	אויסגערעכנט	אומגעשפּאָרט	אויסגעבעדיג
פעקלער	$100.00	$250.00	$400.00
קידוש (מענער)	$500.00	$750.00	$2,500.00
סעודות (שבת באווארפן)	$350.00	$3,000.00	$7,500.00
קידוש (פרויען)	$ -	$750.00	$2,500.00
שבע ברכות	$1,500.00	$3,500.00	$10,000.00
סך הכל ימי המשתה	$2,450.00	$8,250.00	$22,900.00

סך הכל צד החתן

	אויסגערעכנט	אומגעשפּאָרט	אויסגעבעדיג
סך הכל צד החתן	$38,505.00	$70,665.00	$147,710.00

צד הכלה

שידוך שליסן	אויסגערעכנט	אומגעשפּאָרט	אויסגעבעדיג
שדכן	$1,500.00	$2,000.00	$5,000.00
לחיים - וואָרט	$150.00	$500.00	$1,500.00
תנאים	$1,500.00	$5,000.00	$10,000.00
סך הכל שידוך שליסן	**$3,150.00**	**$7,500.00**	**$16,500.00**

מתנות	אויסגערעכנט	אומגעשפּאָרט	אויסגעבעדיג
מנורה	$1,300.00	$1,800.00	$4,500.00
זייגער	$250.00	$1,600.00	$2,500.00
בעכער	$650.00	$900.00	$1,500.00
ש"ס	$600.00	$775.00	$900.00
טליתים	$800.00	$800.00	$800.00
קיטל	$165.00	$165.00	$165.00
טלית בייטל	$185.00	$260.00	$260.00
טור	$ -	$400.00	$450.00
שלחן ערוך	$ -	$500.00	$600.00
מחזורים	$ -	$375.00	$800.00
אתרוג האלטער	$ -	$700.00	$1,200.00
מגילה	$ -	$ -	$2,500.00
מגילה האלטער	$ -	$ -	$2,500.00
מקומות הקדושים	$ -	$750.00	$1,500.00
ל"ג בעומר - חמשה עשר בשבט - ועוד	$100.00	$400.00	$1,500.00
סך הכל מתנות	**$4,050.00**	**$9,425.00**	**$21,675.00**

דירה	אויסגערעכנט	אומגעשפּאָרט	אויסגעבעדיג
appliances	$800.00	$1,200.00	$2,000.00
houseware	$600.00	$850.00	$1,500.00
linen	$750.00	$1,500.00	$2,000.00
Scraping	$400.00	$750.00	$1,000.00
Painting	$400.00	$750.00	$1,000.00
Rent (depends on how many months)	$1,500.00	$1,500.00	$1,500.00
פארשידנס (blinds)	$300.00	$500.00	$1,000.00
גראָסערי	$200.00	$300.00	$400.00
סך הכל דירה	**$4,950.00**	**$7,350.00**	**$10,400.00**

פארשידנס	אויסגערעכנט	אומגעשפּאָרט	אויסגעבעדיג
מתנות פאר די געשוויסטער	$ -	$500.00	$2,000.00
שיעורים	$1,000.00	$1,000.00	$1,000.00
כלה קלייד - קרוין (גמ"ח)	$500.00	$3,500.00	$6,000.00
חתונה בריוולער	$400.00	$1,500.00	$2,500.00
מעלדן: צייטונגען - בתי מדרשים	$250.00	$400.00	$600.00
לייכטער - טאץ	$500.00	$750.00	$1,200.00
קליינעקייטן	$1,000.00	$2,000.00	$3,000.00
סך הכל פארשידנס	**$3,650.00**	**$9,650.00**	**$16,300.00**

צד הכלה

שטאפיר	אויסגערעכנט	אומגעשעשפאָרט	אויסגעבעדיג
דריי גודס - וועש	$1,750.00	$2,500.00	$3,000.00
קליידער	$1,500.00	$3,500.00	$7,500.00
שיך	$500.00	$850.00	$1,000.00
טיכלעך - שייטלעך - שפיצלעך	$1,200.00	$2,500.00	$4,000.00
סך הכל שטאפיר	$4,950.00	$9,350.00	$15,500.00

פורניטשער	אויסגערעכנט	אומגעשעשפאָרט	אויסגעבעדיג
בעדרום סעט	$2,000.00	$2,500.00	$4,000.00
דיינעט סעט	$350.00	$500.00	$700.00
דיינונג רום סעט	$3,500.00	$5,000.00	$8,000.00
ספרים שאנק	$ -	$650.00	$1,000.00
סך הכל פורניטשער	$5,850.00	$8,650.00	$13,700.00

חתונה נאכט	אויסגערעכנט	אומגעשעשפאָרט	אויסגעבעדיג
זאל - קעיטערער	$6,500.00	$4,000.00	$10,000.00
שפילער	$ -	$800.00	$3,000.00
זינגער	$ -	$800.00	$2,500.00
בדחן	$ -	$800.00	$2,500.00
בלומען	$ -	$1,500.00	$2,500.00
בילדער	$ -	$1,500.00	$2,000.00
השגחה	$ -	$100.00	$100.00
Tips- Waiters	$ -	$200.00	$500.00
כיבוד טיש	$ -	$500.00	$1,000.00
קינדער טיש	$ -	$200.00	$250.00
וויין - בראנפן	$125.00	$300.00	$1,000.00
כיבוד ביי מצוה טאנץ	$150.00	$250.00	$500.00
חתונה באס ברוקלין-אפסטעיט	$400.00	$800.00	$1,600.00
חתונה באס אין די זעלבע שטאט	$100.00	$100.00	$100.00
משפחה קליידונג	$1,000.00	$4,500.00	$10,000.00
משפחה האר	$150.00	$300.00	$600.00
בעיביסיטינג	$150.00	$350.00	$750.00
סך הכל חתונה נאכט	$8,575.00	$17,000.00	$38,900.00

ימי המשתה	אויסגערעכנט	אומגעשעשפאָרט	אויסגעבעדיג
שבת שבע ברכות (סעודה - זאל)	$2,700.00	$5,500.00	$15,000.00
שול פירן קידוש	$ -	$1,500.00	$2,500.00
סך הכל ימי המשתה	$2,700.00	$7,000.00	$17,500.00

	אויסגערעכנט	אומגעשעשפאָרט	אויסגעבעדיג
סך הכל צד הכלה	$37,875.00	$75,925.00	$150,475.00

באזונדערע פארשטעלונג:

שותפות פלאן

די צענטראלע שטאטישע קאסע אין קרית יואל "צדקת העיר", האט מיטהאלטנדיג אזויפיל קעיסעס פון אידן שיינע בעלי פרנסה, וואס ווערן דערטרונקען אין א ים פון חובות ווען עס קומט צו חתונה מאכן, פראקלאמירט א נייע "שותפות פלאן", מיטן ציל צו ראטעווען די עלטערן פון די גרויסע געלטער וואס עס קאסט חתונה צו מאכן, און עס וועט עווענטועל ראטעווען דעם דור שפעטער אויך.

ביטע לייענט דאס אדורך און שרייבט צו אייערע באמערקונגען און קאמענטארן אויפן סורוועי (זעה מיטלסטע זייטן)

די אויפטו פון די דאזיגע פלאן איז צו אראפנעמען די שווערע "עול" החתונות וואס פאלט ארויף אויף די עלטערן וואס דארפן חתונה מאכן 10 קינדער בליעה"ר, און זיי האבן נישט פון ווי דאס צו דעקן, מען ווערט די שטאט'ס רחמנות, מ'פאלט אריין אין שווערע חובות, מען האט נישט קיין מנוחת הנפש, אין די גליקליכע יארן ווען מען מאכט חתונה די קינדער. און אפי' געהעריגע בעלי פרנסה (פון $1,500 ביז $2,000 א וואך) האבן נישט די מעגליכקייט יעדע צווייטע יאר צו אויסצאלן א גאנצע חתונה.

די קיצור פון די פלאן איז:

אנשטאט איר זאלט חתונה מאכן 10 קינדער, וועט איר חתונה מאכן "נאר איין" קינד, וואס דאס איז "זיך אליין".

עס איז פיל גרינגער צו באצאלן "איין חתונה" אין די אינגע יארן, ווען מען האט נאכנישט אזא גרויסע בודזשעט פון פירן א גרויסע ווערטשאפט מיט א גרויסע משפחה, (ווי עס קאסט דעמאלטס א חודש, ארום צען טויזנט דאלער).

כדי דאס זאל קענען אויסגעפירט ווערן בע"ה וועלן מיר אין קורצן פארשטעלן די נייע חתונה פלאן

1. די חתן – כלה וועלן צוהעלפן זייערע עלטערן כדי "זיך אליין" צו חתונה מאכן.
2. די חתונה פעקעדזש (חתונה דיפאו/ חתונה מאלל) מיט די חתונה נאכט, וועלן חתן– כלה באצאלן.
3. עס וועט זיין צוגעשטעלט א "צדקת נישואין גמ"ח" ווי מ'וועט אויסבארגן די געלט, פאר חתן – כלה.
4. די פעימענטס וועלן זיין ארום $300 א חודש אויף א לענגערע טערמין. (מעגליך אפשר די ערשטע יאר צוויי אפי' קלענערע פעימענטס אויך).
5. די צוויי עלטערן פון חתן – כלה וועלן זיין די ערשטע 2 ערבים, און נאך 2 ערבים העכער 30 יאר אלט, און נאך 2 ערבים.
6. מען וועט אונטערשרייבן א צעטל, אז די גמ"ח וועט קענען נעמען פון די וועידזשעס אדער פון די כולל געלט, אויב עס ווערט נישט באצאלט די גמ"ח פעימענט אפאר חדשים.
7. מען וועט קענען באצאלן דורך העד-טשעקס, אדער מיט אויטאמאטישע קרעדיט קארד פעימענטס.
8. ווען מען האט איבעריגע געלט נאך די חתונה וועט מען קענען פאראויס אויסצאלן די הלוואה.
9. ווען חתן – כלה וועט בע"ה חתונה מאכן 20 יאר ארום זייערע אייגענע קינדער וועלן זיי זיך שפארן די חתונה פעקעדזש מיט די חתונה נאכט פון מערערע קינדער, ווי די קינדער וועלן עס אויך אליין באצאלן. (ד.מ. אז זיי גייען שפארן פון זייער "לעבן בודזשעט" ארום $300,000.00).

ווער עס האט סיי וועלכע קאמאנטארן אדער פארשלאגן זאל עס ביטע מעלדן פאר די עסקנים כדי מיר זאלן קענען ענדיגן די פערטיגע "שותפות פלאן" און עס זאל ווי שנעלער אריינגיין אין קראפט, און אזוי פארלייכטערן אלע מחותנים בעת שמחתם.

טייערע ברודער און שוועסטער, ס'איז שוין די העכסטע צייט זיך אויף צו וועקן...!!!

נאכן לייענען די פאקטישע נומערן וואס עס קאסט חתונה צו מאכן, אדרבה לאזט הערן אייער אדורכגעטראכטע פארשטענדליכע מיינונג. - אבער, איידער איר גייט ענטפערן דעם סורוועי, איז וויכטיג פאר אייער טובה און פאר אייערע קינדער און אייניקלעך, איר זאלט זיך אליינס, פיר קשיות פרעגן:

1 וויפיל דארף איך פארדינען א וואך, אז מ'זאל מיר נישט דארפן צוזאמענשטעלן פונעם ציבור?

2 טוה איך דען פארדינען מער ווי 100,000$ אדער אפילו 75,000$ א יאר?

3 וויפיל פראצענט פונעם היימישן ציבור, קענען זיך חתונה מאכן מיט אייגן געלט?

4 וויפיל פון די הוצאות החתונה זענען באמת וויכטיג, און וויפיל איז בלויז ווייל מ'וויל נישט זיין אנדערש פון יעדעם?

זייט מוחל: קיינער קען אייך נישט פארענטפערן די 4 ברענעדיגע קשיות, נאר איר אליין!!!

רבותי, אלס אחריות'דיגע טאטע און מאמע, טראכטס מיט א ניכטערן בליק!, איז דען מעגליך אזוי ווייטער אנצוגיין? - אויב וועלן מיר דאס נישט אפשטעלן יעצט, וועט דער מצב ווערן ערגער און ערגער רח"ל. - אויב ווילט איר נישט בלייבן מיט די קשיות, דארפט איר זיך אליין אויפבינדן אייערע הענט!!!

מיר האבן פאר אייך איין עצה: ויעשו כולם אגודה אחת!

לאמיר זיך פאראייניגן, און איינאיינעם אפמאכן אז גענוג איז גענוג, און זאגן פאר די אלע איבעריגע הוצאות: הרף! - מיר גייען אפשטעלן די געפערליכע אין-די-וועלט-אריין הוצאות, וואס מען מוז נעבעך געצווינגענערהייט צאלן - מיר ווילן נישט אוועקגעבן אונזער שווערע הארעוואינע, בלוט און שוויס, שווערע ארבעט און גרויסע געלטער, פארן עבודה זרה וואס הייסט, ווייל 'יעדער' טוט אזוי!... - לאמיר איינפירן מיט א כח הרבים פרישע ביליגערע סאטנדארטן, וואס וועט אונז געבן די מעגליכקייט צו חתונה מאכן מיט אייגענע געלט געזונטערהייט, און מיט הרחבת הדעת!

DPMGGROUP.COM